


# טוישן אדער אפשטעלן
# אייער טשיילד סופארט באפעל

## טוישן (ענדערן) אייער טשיילד סופארט באפעל:

סיי וועלכע פון די עלטערן קענען זיין בארעכטיגט צו טוישן א טשיילד סופארט באפעל אויב זיי קענען אפצייכענען כאטש <u>איינס</u> פון די קעסטלעך:

- כאטש דריי יאר זענען אריבער זייט אייער באפעל איז לעצט באשטימט געווארן, געטוישט געווארן אדער צוגעפאסט געווארן.
- סיי וועלכע פון די עלטערנ'ס גראוס איינקונפט האט זיך געטוישט מיט 15% אדער מער זייט דער באפעל איז געווארן באשטימט, געטוישט אדער צוגעפאסט. א נידערונג אין אייער איינקונפט טאר נישט געמאכט ווערן אויף אייער אייגענע אויסוואל.
- איינס אדער מער קינדער אויף אייער באפעל זענען אויסגעשלאסן געווארן (צ.ב., געווארן 21, געהייראט, געגאנגען דינען אין מיליטער).
- דער עלטערן וואס איז שולדיג טשיילד סופארט איז געווארן איינגעזעצט.

## אפשטעלןאייער טשיילד סופארט באפעל:

סיי וועלכע פון די עלטערן קענען זיין בארעכטיגט צו אפשטעלן א טשיילד סופארט באפעל אויב זיי קענען אפצייכענען כאטש <u>איינס</u> פון די קעסטלעך:

- דער עלטערן וואס איז שולדיג טשיילד סופארט איז געווארן איינגעזעצט אן קיין אויסוואל פון פאראול אדער איז אריין אין אן אינסטיטוציע.
- זארגערעכט (קאסטודי) פונעם קינד האט זיך געטוישט.
- אלע קינדער אויף אייער באפעל זענען אויסגעשלאסן געווארן (צ.ב., געווארן 21, געהייראט, געגאנגען דינען אין מיליטער).

נעמט שריט ווען אייערע אומשטענדן טוישן זיך. באפעלן באציען זיך צוריק צו די צייט ווען די פעטיציע איז געווארן אריינגעגעבן.

# A. טויש א באפעל מיט די טשיילד סופארט פראגראם

**פראצעדור**

1. זיך טרעפן מיט אן OCSS קאסטומער סערוויס פארשטייער פערזענליך אדער אויפ'ן טעלעפאן.
2. אויפקומען מיט א נייע באפעל סומע (באמערקונג: די נייע באפעל סומע ווערט אויסגערעכנט נוצנדיג די זעלבע מיטל ווי אין געריכט).
3. אונטערשרייבן דעם אפמאך.
4. באשטעטיגן אייער צושטימונג אין געריכט.

**אנהויבן**

פארבינדט זיך מיט OCSS אויף איינס פון צוויי וועגן:

שיקט אן אימעיל צו dcse.cseweb@dfa.state.ny.us מיט'ן סובדזשעקט "Modify Order" (טויש באפעל) און בעט פאר א טעלעפאנישע אפוינטמענט. שרייבט אייער טשיילד סופארט קעיס ID אינעם אימעיל.

באזוכט די OCSS קאסטומער אריינשפאציר צענטער אויף 151 W. Broadway, 4th floor אין מאנהעטען, אפען פון מאנטאג ביז פרייטאג צווישן 8 אזייגער אינדערפרי און 6 אזייגער נאכמיטאג, אויסער חגאות.

**טשיילד סופארט רעכענער**

וויפיל טשיילד סופארט וועל איך מעגליך דארפן באצאלן אדער באקומען?

**צייט אפשניט:** געווענליך דארף מען בלויז איין געריכט הירינג נאך אן אפמאך ווערט אונטערגעשריבן.

# B. טויש אדער אפשטעלן אייער באפעל מיט די פאמיליע געריכט

**פראצעדור**

1. פולט אויס א טשיילד סופארט טויש פעטיציע.
2. געבט אריין די פעטיציע מיט די פאמיליע געריכט וואו איר האט לעצט וועקגעשטעלט אייער באפעל.
3. שיקט אן איינלאדנונג (סאמינס) צו די אנדערע צד זיי צו מעלדן איבער אייער פלאן צו טויש די טשיילד סופארט באפעל. OCSS קען העלפן.

**אנהויבן**

פולט אויס די פעטיציע אין איינס פון דריי וועגן:

גייט צו https://nycourts.gov/courthelp//diy/supportmodification.shtml, דרוקט דעם לינק אונטער יענע "אנהויבן" קעפל. דרוקט ארויס די פעטיציע צו טויש אייער טשיילד סופארט באפעל. געבט אריין די פעטיציע מיט די פעטיציע צימער אין די פאמיליע געריכט.

גייט די OCSS קאסטומער אריינשפאציר צענטער אויף 151 W. Broadway, 4th floor אין מאנהעטען, אפען פון מאנטאג ביז פרייטאג צווישן 8 אזייגער אינדערפרי און 6 אזייגער נאכמיטאג, אויסער חגאות, פאר הילף מיט'ן אויספולן די טויש פעטיציע.

גייט צום פעטיציע צימער אין די פאמיליע געריכט וואו אייער טשיילד סופארט פעטיציע איז וועקגעשטעלט געווארן אדער לעצט געטוישט געווארן און בעט אינפארמאציע אויף וויאזוי צו אריינגעבן א טויש פעטיציע.

**צייט אפשניט:** פאדערט געווענליך מער ווי איין געריכט הירינג.